אַריין, האָבן זיינע תּלמידים אים געפֿרעגט וועגן
18 דעם משל. און ער זאָגט צו זיי, אַזוי, אויך זענט
איר אָן פֿאַרשטאַנד? צי פֿאַרשטייט איר דען נישט,
אַז אַלץ, וואָס גייט אַריין אין דעם מענטשן פֿונדרויסן,
19 קען אים נישט טמא־מאַכן? ווייל עס גייט נישט אַריין
אין זיין האַרצן, נאָר אין בויך, און עס גייט אַרויס
אין בית־הכּסא אַריין. אַזוי אַרום האָט ער דער־
20 קלערט אַלע שפּייזן ריין. און האָט געזאָגט:
וואָס עס קומט אַרויס פֿון דעם מענטשן, דאָס איז
21 דעם מענטשן מטמא. וואָרום פֿון אינעווייניק, אויס
דעם האַרצן פֿון די מענטשן, קומען אַרויס די בייזע
22 מחשבֿות, זנות, גנבֿות, רציחות, ניאופֿים, געלט־
גייציקייט, שלעכטסקייטן, כיטרעקייט, פֿאַרשייטקייט,
אַ שלעכט אויג, חילול־השם, גאווה, אומבאַקימערטע
23 נאַרישקייט; אַלע די דאָזיקע בייזע זאַכן קומען
אַרויס פֿון אינעווייניק, און מאַכן דעם מענטשן
טמא.
24 און ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, און איז פֿון דאָרטן
אַוועק צו די גרענעצן פֿון צור און צידון. און ווען
ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ הויז, האָט ער געוואָלט,
אַז קיינער זאָל עס נישט וויסן; און האָט נישט
25 געקענט בלייבן פֿאַרבאָרגן. נאָר תּיכּף האָט אַ פֿרוי
וועגן אים געהערט, וואָס איר טעכטערל האָט געהאַט
אַן אומריינעם גייסט, און זי איז געקומען און איז
26 אַנידערגעפֿאַלן צו זיינע פֿיס. די פֿרוי איז אָבער
געווען אַ גריכין, אַ סיראָ־פֿעניציערין לויטן אָפּשטאַם,
און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אַרויסטרייבן
27 דעם בייזן גייסט פֿון איר טאָכטער. און ער האָט
צו איר געזאָגט: לאָז צוערשט די קינדער זאַט
ווערן; וואָרום עס איז נישט שיין צו נעמען דאָס
ברויט פֿון די קינדער און עס וואַרפֿן פֿאַר די הינט־